[ב] אודאי רעדט ער נישט וועגן ביטול תורה כפשוטו, ווייל תהלים איז דאך אויך אין כלל פון לימוד התורה, און אויב אזוי, פארוואס זאל עט הייסן ביטול תורה? - נאר ער מיינט צו זאגן, אז אפילו "באיכות" איז עס נישט אין גדר פון ביטול תורה

חלילה, "**ואז צריך לקשר את האי גברא בעולם הגדול הנקרא תהלה**", און דאן דארף מען צובינדן יענעם מענטש אין די גרויסע וועלט וואס ווערט גערופן "תהלה", "**ששם יש אור גדול, ואין כח בדין לקטרג שם, והוא רחמים גמורים, ושם נמתק הכל**", וואס דארט איז דא א גרויס לעכטיגקייט, און מדת הדין איז נישט בכח דארט מקטרג צו זיין. עס איז אן ארט פון רחמים גמורים, און דארט ווערט אלעס נמתק.

"**ולכך נקראים שירי דוד מלכנו 'תהלים', שיכולין לפעול על ידם הכל**", און דערפאר ווערן די געזאנגען פון דוד המלך ע"ה גערופן 'תהלים', ווייל מ'קען דורך זיי אלעס אויס'פועל'ן אלעם וואס מ'דארף, "**ואין שטן ואין פגע רע**", עכלה"ק.

*

דער מדרש זאגט (תהלים א) אז דוד המלך ע"ה האט געבעטן ביי דעם אויבערשטען, אז דאס זאגן תהלים זאל זיין חשוב פאר איהם אזוי ווי מ'לערנט די שווערע סוגיות פון "נגעים" און "אהלות".

ווערט געברענגט א טעם פארוואס דאס תהלים זאגן איז ענליך צו דעם לימוד פון נגעים ואהלות, ווייל מיר ווייסן דאך אז די טומאה און טהרה פון נגעים ווענדן זיך אין דעם ווארט פונעם כהן (נגעים פ"ג, מ"א). אויב דער כהן איז נישט בקי אין הלכות נגעים, שטעלט מען אוועק נעבן דעם כהן א תלמיד חכם (א ישראל), וואס זאגט פאר'ן כהן אויב דער נגע איז טמא, אדער טהור, און דער כהן דארף נאכזאגן "טמא" אדער "טהור". זעהט מען פון דעם אז די טומאה פון נגעים און טהרה דערפון, ווענדעט זיך אינעם דיבור פונעם כהן, אפילו אן דעם וואס ער אליינס זאל ווייסן די מקור דערצו.

דאס זעלבע איז מיט תהלים זאגן. אויך אויב דער מענטש ווייסט נישט וואס ער זאגט ארויס מיט'ן מויל, טוהען זיינע ווערטער די נויטיגע פעולה, צו פועל'ן אין הימל אלעם גוטס.

דער חיד"א זצ"ל שרייבט אין ספר "מדבר קדמות" (מערכת ת"ו – תהלים), אז דוד המלך ע"ה האט מתפלל געווען (תהלים יט, טו) "**יהיו לרצון אמרי פי**", אז דאס זאגנן מזמורי תהלים, זאל זיין לרצון אזוי ווי מ'וואלט געלערנט נגעים אדער אהלות, וואט די גורי האריז"ל שרייבן, אז דורך לערנען סדר טהרות, האט דער מענטש א תיקון אויף זיינע עבירות. קומט אויס אז אויב דאס זאגן תהלים איז חשוב אזוי ווי לערנען נגעים און אהלות, האט דער מענטש א תיקון פאר זיינע פגמים דורכ'ן זאגן תהלים.

שרייבט דער חיד"א ווייטער, אין נאמען פון רבינו אפרים, אין זיין פירוש אויף תורה (כתב יד, פ' וזאת הברכה) "כל האומר תהלים בכל יום כאילו קיים כל התורה כולה", דער מענטש וואט זאגט תהלים יעדן טאג, איז גליך ווי ער וואלט מקיים געווען די גאנצע תורה, און דאס איז מרומז אין פסוק (דברים לג, ג) "ת'כו לרגליך י'שא מ'דברותיך", די ראשי תיבות זענען אותיות תלי"ם, און תיכף דערנאך זאגט דער פסוק: "תורה צוה לנו משה".

אויך שרייבט רבינו אפרים (פ' ויגש) אויפ'ן פסוק (בראשית מה, יג) "א'ת כ'ל כבודי' במצרי'ם", איז סופי תיבות תלי"ם, מרמז צו זיין אז דער מענטש וואס זאגט תהלים יעדן טאג, איז זוכה צו זיין אונטער דעם כסא הכבוד, עכ"ל.

פון דעם זעהט מען, אז יעדער מענטש וואס וויל זיך מטהר זיין, דארף זאגן תהלים, בפרט אז היינט איז "אכשר דרא", ברוך ה', און מ'קען היינט טרעפן איבעראל מנינים צו זאגן תהלים אין די שובבי"ם טעג.

*

דער גאסטינינער רב, הרה"ק רבי יחיאל מאיר זי"ע, איז געווען באקאנט אלס "תהלים איד", ווייל ער פלעגט זאגן א סאך תהלים, און ער האט טאקע גע'פועל'ט ישועות פאר אידן. ער פלעגט זאגן פאר יעדן איינעם וואס האט זיך מזכיר געווען געהאלפן צו ווערן בדבר ישועה ורחמים, אז מ'זאל זאגן א קאפיטל תהלים, און ער האט געזאגט וועלכן קאפיטל מ'זאל זאגן.

אמאהל ווען מ'האט איהם געפרעגט וועגן דעם ענין פון אמירת תהלים, וואס ער איז אזוי אדוק דערין, האט דער גאסטינינער רבי געענטפערט, אז ער האט געהערט פון זיין רבי'ן, דעם קאצקער רבי'ן זי"ע, אז אויב דוד המלך ע"ה וואלט מסדר געווען ספר תהלים לויט'ן סדר (דאס הייסט, לויט'ן סדר פון זיין לעבן), וואלט מען אפילו געקענט לעבעדיג מאכן א טויטן מענטש מיט זאגן תהלים.

און דער גאסטינינער רבי האט אויסגעפיהרט, אז פון דעם זעהט מען, אז יעצט, ווען דוד המלך ע"ה האט מסדר געווען ספר תהלים נישט לויט'ן סדר פון זיין לעבן, ווי מיר זעהען אז אין דריטן קאפיטל רעדט דוד המלך ע"ה וועגן זיין אנטלויפן פון זיין זוהן אבשלום ("בברחו מפני אבשלום בנו"), און אין קאפיטל נ"ט, רעדט ער וועגן זיין אנטלויפן פון שאול המלך ע"ה ("בברחו מפני שאול במערה"), כאטש דאס איז געווען א סאך יאהרן פריהער איידער ער איז אנטלאפן פון אבשלום, קענען מיר טאקע נישט מחיה מתים זיין דורך זאגן תהלים, אבער אלע אנדערע ישועות, ביז תחיית המתים, "ולא עד בכלל" – קען מען יא פועל'ן דורך זאגן תהלים.

הגאון רבי יוסף חיים זאנענפעלד זי"ע, גאב"ד ירושלים, איז געווען באקאנט מיט זיין גרויסע סייעתא דשמיא. ער האט אנגעפיהרט מיט'ן ירושלים'ער רבנות, סיי מיט פסק'ענען שאלות, סיי מיט באזארגן די אידן פון שטאט מיט זייערע גשמיות'דיגע הצטרכות'ן. רבי יוסף חיים פלעגט אויך אריינברענגען שלום בין אדם לחבירו ובין איש לאשתו, און מ'האט געזעהן בחוש אז יעדע זאך מיט דער רב איז געווען באשעפטיגט, איז אריינגעקומען א ברכה.

אמאהל האבן די מקורבים געפרעגט רבי יוסף חיים'ען, מיט וואס ער האט זוכה געווען צו אזא סייעתא דשמיא. האט רבי יוסף חיים געענטפערט, אז ער האט זוכה געווען דערצו, ווייל ער ענדיגט יעדן טאג גאנץ תהלים. אזוי פיהרט ער זיך, ווייל ער האט חתונה געהאט ווען ער איז שוין געווען העכער דעם עלטער פון 20 יאהר, און די חז"ל זאגן אז אויב מ'האט חתונה נאכ'ן עלטער פון 20 יאהר, דארף מען זיך היטן אלע יאהרן (עי' קידושין כט:). וויבאלד ס'איז נישטא א זאך וואס רייניגט די נשמה אזוי ווי אמירת תהלים, דעריבער ענדיגט ער יעדן טאג גאנץ ספר תהלים.

**דער אויבערשטער זאל העלפן, אז אין זכות פון אמירת תהלים זאל נשפע ווערן השפעות טובות לנו ולכל ישראל, אמן.**

# בגודל מעלת אמירת תהלים

## מספר ליקוטי מוהר"ן – מהדורא בתרא סימן ע"ג

מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה. כִּי יֵשׁ נוּן שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה, ומ"ט שְׁעָרִים יָכוֹל כָּל אָדָם לִכְנֹס בָּהֶם וּלְהַשִּׂיגָם, אַךְ שַׁעַר הַחֲמִשִּׁים הוּא בְּחִינַת הַתְּשׁוּבָה שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ, כִּבְיָכוֹל, כִּי גַּם אֶצְלוֹ יִתְבָּרַךְ מָצִינוּ בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מַלְאָכִי ג): "שׁוּבוּ אֵלַי וְאָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם":

וְאֵלּוּ הַמ"ט שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה הֵם בְּחִינַת מ"ט אוֹתִיּוֹת שֶׁיֵּשׁ בִּשְׁמוֹת שְׁנֵים עָשָׂר שִׁבְטֵי יָ הּ, כִּי כָּל שַׁעַר וָשַׁעַר יֵשׁ לוֹ אוֹת מִמ"ט אוֹתִיּוֹת הַשְּׁבָטִים, וְהִנֵּה הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה. כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה, וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ; וַאֲפִלּוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה. וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִלּוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר. נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה:

וְזֶה בְּחִינַת (שְׁמוּאֵל ב כ"ג): נְאֻם הַגֶּבֶר הוּקַם עָל, וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מוֹעֵד קָטָן טז:): 'שֶׁהֵקִים עֻלָּהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה', וּנְעִים זְמִרוֹת יִשְׂרָאֵל, כִּי עַל יְדֵי בְּחִינַת נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל, דְּהַיְנוּ סֵפֶר תְּהִלִּים שֶׁיִּסַּד, עַל יְדֵי זֶה הוּקַם עֻלָּהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה, כִּי עַל יְדֵי תְּהִלִּים זוֹכִין לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל. וְזֶה שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עֲבוֹדָה זָרָה ד:): 'לֹא הָיָה דָוִד רָאוּי לְאוֹתוֹ מַעֲשֶׂה, אֶלָּא כְּדֵי לְהוֹרוֹת תְּשׁוּבָה לְיָחִיד' וְכוּ'. נִמְצָא שֶׁעִקַּר הוֹרָאַת הַתְּשׁוּבָה עַל יְדֵי דָּוִד הַמֶּלֶךְ, וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה שֶׁל דָּוִד הַמֶּלֶךְ הוּא סֵפֶר תְּהִלִּים, שֶׁאֲמָרוֹ בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד וּבְרוּחַ הַקֹּדֶשׁ, עַד שֶׁכָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁהוּא יָכוֹל לִמְצֹא אֶת עַצְמוֹ בְּתוֹךְ סֵפֶר תְּהִלִּים, וְלִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה עַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים כַּנַּ"ל:

וְעִקַּר הִזְדַּכְּכוּת שְׁנֵים עָשָׂר שִׁבְטֵי יָ-הּ, שֶׁהֵם מ"ט אוֹתִיּוֹת, שֶׁהֵם בְּחִינוֹת מ"ט שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה, הָיָה בְּמִצְרַיִם, שֶׁהוּא בְּחִינַת מֵצַר הַגָּרוֹן, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּשׁוּבָה עִלָּאָה (כַּמּוּבָא בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י ז"ל, וְעַיֵּן שָׁם וְהָבֵן הֵיטֵב). וְעַל כֵּן אַחַר שֶׁנִּזְדַּכְּכוּ שָׁם בְּמִצְרַיִם וְזָכוּ לָצֵאת מִשָּׁם, סָפְרוּ מ"ט יְמֵי הַסְּפִירָה, שֶׁהֵם כְּנֶגֶד מ"ט שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה, שֶׁהֵם בְּחִינַת מ"ט אוֹתִיּוֹת הַנַּ"ל. וּבְיוֹם הַחֲמִשִּׁים, אָז: "וַיֵּרֶד ה' עַל הַר סִינַי" (שְׁמוֹת י"ט) זֶה בְּחִינַת: "וְאָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם", בְּחִינַת הַתְּשׁוּבָה שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ, כִּבְיָכוֹל, בְּחִינַת שַׁעַר הַחֲמִשִּׁים כַּנַּ"ל:

וְזֶהוּ: "וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ" סוֹפֵי תֵּבוֹת הֵם אוֹתִיּוֹת תְּהִלִּים וְאוֹתִיּוֹת תְּשׁוּבָה. כִּי עַל יְדֵי תְּהִלִּים זוֹכִין לִתְשׁוּבָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה וְכוּ'. כִּי מ"ט שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה הֵם בְּחִינַת מ"ט אוֹתִיּוֹת שֶׁיֵּשׁ בִּשְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, הַבָּאִים מִצְרָיְמָה, לְהִזְדַּכֵּךְ שָׁם כַּנַּ"ל:

וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִין, שֶׁבִּימֵי תְּשׁוּבָה, דְּהַיְנוּ בֶּאֱלוּל וַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, כָּל יִשְׂרָאֵל עוֹסְקִין אָז בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד לַעֲסֹק תָּמִיד בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי תְּהִלִּים הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחֵז בּוֹ:

# א מעשה פלא וואס איז געשען זוממער שנת תשע"ג

מעשה שהיה כך היה, לעצטענס זענען צוגעקומען צו מיר 2 עלטערע בחורים, און האבן מיר געזאגט אז היות זיי זענען שוין עלטערע בחורים, און אלע זייערע חברים האבן שוין געטוהען שידוכים און חתונה געהאט בשעטומ"צ, זאל איך זיי אינזין האבן ביים זאגן תהלים (היות איך האב א מנין תהלים שוין 32 יאר צום גוטן – זייט שנת תשנ"ב לפ"ק – יעדע זונטאג נאכמיטאג, ווינטער זאגט מען 3:30 נאכמיטאג, און זוממער 5:30 נאכמיטאג, יעדע זונטאג אין באבוב בית המדרש 15'טע עוועניו 48'טע סטריט – וואס ב"ה זייט דעמאלטץ בין איך נאך קיינמאל נישט אוועקגעפארן אויף זונטאג, נאר אלעמאל זיך משתתף געווען באמירת תהלים).

האב איך מציע געווען פאר די בחורים, אז היות אין מיין מנין תהלים האט מען שוין געזעהן אזויפיל וואונדערליכע מעשיות פון אידן וואס זענען שוין געהאלפען געווארען מיט כל מיני ישועות ורפואות [אזש מען וואלט שוין געקענט אראפשרייבען א גאנצע "מעשה ביכל" דערוועגן, האב איך זיי מציע געווען, אז זיי זאלען אליינס אראפקומען צום תהלים זאגן, און איך האב זיי צוגעזאגט אז אויב פאר פיר וואכען וועלן זיי קומען און מיט זאגען תהלים מיט אן ערנסקייט, און זיך אויסדרייען צום וואנט און זאגן בהתעוררות און גארנישט מפסיק זיין בשום דיבור אין מיטן תהלים, וועלן זיי זיכער געהאלפן ווערן בעזרת השי"ת.

וכך הוה, איין בחור איז געקומען פאר פיר וואכען זאגן תהלים תמימות'דיג, און איין בחור איז נישט געקומען. און ווען ס'האט זיך געענדיגט די פיר וואכען, פונקטליך א וואך דערויף זונטאג איז די בחור א חתן געווארן! [און די אנדערע בחורווארט נאך אויף א ישועה מן השמים, ה' יעזרהו במהרה].

די ענין פארוואס איך האלט אז ס'איז א מצוה לפרסם, אז די נייע דור זאל וויסען אז דער תהלים וואס אונזערע זיידעס און באבעס האבן געזאגט אלעמאל, העלפט נאך היינט אויך! עס האט נאכנישט עקספייערט! און ס'איז א מוסר השכל פארן נייעם דור, אז ווער ס'דארף געהאלפען ווערן, נישט קיין חילוק אין וואספארא ענין ער דארף געהאלפען, זאל זיך נישט זוכען קיין נייע סגולות אשר לא שערום אבותינו, נאר ער זאלן נעמען די אלטע אויסגעטרעטענע וועג פון אבותינו ורבותינו ואמותינו, פון אונזערע הייליגע רבי'ס און זיידעס און באבעס, די אויסגעפרואווטע סגולה צו בעטן ביים תהלים'ל, און אמת'דיג האבן אמונה און בטחון אינעם הייליגען בורא אז מ'וועט געהאלפען געווארן.

און יעצט אז ס'געקומען די הייליגע טעג, די ימי הרחמים והרצון, און דערנאך די ימי שמחתינו, זאל יעדער איינער געהאלפן ווערן מיט אלעם וואס מ'דארף אין אלע ענינים. און אינעם זכות פונעם הייליגען תהלים פון דוד המלך ע"ה, זאלן מיר אלע אנגעשריבען ווערן מיט א כתיבה וחתימה טובה און א שנת גאולה וישועה, און בקרוב אויסגעלייזט ווערן על ידי דוד משיח צדקיך במהרה בימינו אמן ואמן.

**הק' אלכסנדר אליעזר קנאפפלער**

בן הגה"צ מטשילע זצ"ל, בעל "קני המנורה"

# מעשה נורא בענין אמירת תהלים

## מספר "עמק המלך", הקדמה השלישית – פרק י"ג

מצאתי כתוב בספר שחיבר מורנו הר"ר אביגדור קרא, על מזמור ק"ן שהוא מזמור אחרון שבתהילים, 'הללו אל בקדשו', והוא בכתב שלא נדפס מעולם, ובאמת הוא מדבר עמוקות, וסודות נפלאות, ובסוף הספר מביא מעשה רב, וגודל כח ספר תהילים, להאומרו בכל יום. וזה לשונו:

שמעתי מפי אבא מורי הקדוש הי"ד, כי בשנת קי"ב שנתים אחר הגזירות, נשאר כפר אחד סמוך לערפורט, שלא שלטו בו האויבים, והיה מיושב בו איש מסכן וחסיד, לא כל כך יודע, לבד פשוטי המקרא, והיה זקן ונפטר בשיבה טובה. ותוך ל' יום אחר פטירתו בא בחלום לחכם אחד מופלג וחסיד, שהיה בערפורט ונדמה לו שהיה עומד לפניו בתכריכיו וספר קטן בזרועו. אז אמר לו החסיד, וכי אינך האיש אשר קברנו ביום פלוני פה, אמר לו כן דברת אני הוא, אמר לו ומה הספר הזה אשר לך, אמר לו ספר תהילים, ובאתי להזהירך שתזהיר את בני הישוב ההוא, שהייתי דר בו, שיבריחו עצמם מן העיר וימלטו על נפשם, כי כלתה עליהם הרעה וימלטו אל הקהילות. כי כל עוד שהייתי חי, השלמתי וגמרתי ספר תהילים בכל יום כמה שנים, בזכות זה האריכו שלוה, וניצולו עד הנה, ומעתה אין מי שיגין עליהם. ויהי בבקר ותפעם רוח החסיד, ושלח שליח מיוחד לשם, בכתבו ולהזהירם, והנה מקצתם היראים דברי החסיד, נמלטו וניצולו, ומקצתם שנתיאשו מן הפורענות ונשארו שם, ולא השגיחו בדברי החסיד עד שפגעה בהם יד ה' ומדת דינו. ומהיום ההוא ששמע אבי מורי [אבי הרב אביגדור] הקדוש ז"ל, הדבר הזה לא היה נמנע מלומר ספר תהילים בכל שבוע על פי ז' חלקים. על כן אל תרפה ידך ממנו, כי מי שהוא רגיל, ודש בו בספר תהילים, הוא דוחה כל מיני פורענות וכמה פגעים רעים, מעליו ומעל בני ביתו, ומעל משפחתו, ומעל כל בני דורו. ומגלגל עליו ועליהם כל מיני שפע ברכות וטובות והצלחות, אשרי הזוכה ומזכה הרבים, עד כאן מצאתי בספר הנ"ל דרבי אביגדור קרא, בספרו שחיבר על מזמור אחרון שבתילים, שם בקהילה קדושה רעגינשבורג שנת קס"ט לאלף הששי. וי"י יצוה אתנו את הברכה חיים עד העולם אמן:

# חשיבת אמירת מזמורי תהלים

## שחיברו דוד המלך עליו השלום

### נעתק מספר הנפלא "נר יהושע" לחג השבועות חלק ב' עמוד תע"ה ואילך

## די קינדער'ס תהלים האט גערעטעוועט

דער ליובאוויטשער רבי, הרה"ק מהר"ש זצ"ל (זון פון בעל "צמח צדק" זצ"ל), פלעגט זיך פירן פון מאל צו מאל, צו גיין שפאצירן מיט זיין פיאקער אויסער די שטאט. אויפן וועג פלעגט ער אפט אריבער פארן א קליינע האטעל, וואס איז געווען דער אייגנטום פון א איד. אבער ער פלעגט זיך קיינמאל נישט אפשטעלן ביי דעם האטעל.

איינמאל האט דער רבי משנה געווען פון זיין שטייגער, און ווען ער איז אנגעקומען צו דעם האטעל, האט ער באפוילן פאר זיין בעל עגלה אז ער זאל זיך אפשטעלן ביי דעם האטעל. דער רבי איז אריין אין האטעל, און געטראפן דאס גאנצע הויז ליידיג, אויסער צוויי קינדער וועלכע האבן זיך דארט געפונען אליין.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו די קינדער, און זיי געפרעגט: "וואו זענען אייער טאטע-מאמע?" האבן די קינדער געענטפערט: "זיי זענען געגאנגען ערלעדיגן עטליכע זאכן, און מן הסתם וועלן זיי גאר אינגיכן צוריק אהיימקומען".

האט דער רבי ווייטער געפרעגט: "און וואו איז אייער מלמד?" האבן די קינדער געענטפערט: "אונזער רבי איז אהיימגעפארן, ווייל יעצט פאר ראש השנה האבן מיר 'בין הזמנים', אזויווי ס'איז איינגעפירט איבעראל".

האט זיי דער רבי געפרעגט: "און וואס לערנט איר?" האט דער גרויסער געענטפערט: "איך לערן שוין חומש". און דער קליינער האט געענטפערט: "און איך קען שוין ליינען תהלים"!

"נו, אויב אזוי" האט דער רבי געזאגט "לאמיר אייך פארהערן. ברענגט אהער א ספר תהלים".

די קינדער האבן געברענגט א תהלים, און דער רבי האט עס געעפנט און געהייסן די קינדער ליינען.ביידע קינדער האבן אנגעהויבן צוזאמען צו זאגן תהלים, און אויך דער רבי האט מיטגעזאגט מיט זיי ווארט ביי ווארט. אזוי האבן זיי אויסגעזאגט עטליכע קאפיטלעך תהלים.

ביז דערווייל איז זייער מאמע אהיימגעקומען, און שטייענדיג שוין נעבן איר הויז, האט זי באמערקט אז דעם רבי'נס פיאקער שטייט נעבן הויז. זי האט זיך שטארק געוואונדערט, ווייל דער רבי האט דאס נאך קיינמאל נישט געטון.

זי איז נישט אריין אין הויז דורך די הויפט טיר, נאר דורך די זייטיגע טיר וואס איז געווען ביי די קאך, כדי נישט צו ציען קיין אויפמערקזאמקייט. ווען זי איז אריין אין קאך, האט זי געהערט ווי דער רבי זאגט תהלים צוזאמען מיט אירע צוויי קינדער. זי

איז געווארן באצויבערט פון די הארצרייסנדע תהלים-זאגן, און געבליבן שטיין ווי פארגליווערט. זי האט זיך נישט געטרויט אריינצוגיין, נאר זי איז געבליבן שטיין אין קאך, און זיך צוגעהערט ווי דער רבי זאגט ווארעם מיט אירע קינדער די קאפיטלעך תהלים.

די קולות זענען געווען באגלייט מיט עפעס א טרויעריג-בעטנדיגע שטימע, און איר הארץ איז ממש צעגאנגען צוהערנדיג. זי איז געווארן גערירט ביז דער טיפעניש פון איר הארץ, און אויסגעבראכן אין א געוויין. זי האט אליין נישט געוואוסט פארוואס, אבער דער תהלים-זאגן האט איר גאר שטארק באנומען.

ווען דער רבי האט געענדיגט זאגן די עטליכע קאפיטלעך, האט ער צוגעמאכט דעם תהלים, און גענומען גיין צום ריכטונג פון די טיר. אבער פלוצלונג, ווען ער איז שוין געשטאנען ביים טיר, האט ער זיך צוריק אויסגעדרייט און ווידער צוגעגאנגען צו די קינדער, זאגנדיג: "קינדער, לאמיר זאגן נאך אביסל תהלים".

דער רבי האט זיך ווייטער גענומען זאגן מיט די קינדער עטליכע קאפיטלעך תהלים מיט גרויס דביקות און א בעטנדיגע שטימע. דערנאך האט ער געזאגט צו די קינדער "א גוטן אוונט". ער איז ארויס פון הויז, זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן וואגן, און אוועקגעפארן.

די בעל-הבית'טע פון הויז איז געווען שטארק איבערראשט פון דעם אומערווארטעטן גאסט און די גאנצע געשיכטע פונעם תהלים זאגן אין איר שטוב. זי האט שוין קוים געווארט אז איר מאן זאל אהיימקומען, זי זאל אים קענען דערציילן די אינטערעסאנטע נייעס.

אבער דער מאן קומט נישט אהיים. ער איז ארויס צופרי איינקאסירן עטליכע חובות פון די פויערן אין שכינות, וואס זענען געווען פאר אים שולדיג געלט. ער האט געדארפט אהיימקומען נאכמיטאג, אבער דא איז שוין באלד נאכט און ער קומט נאכנישט אהיים. עס איז שוין געווארן טונקל, און ער קומט נאך אלץ נישט.

די מאמע מיט די קינדער זענען געזעסן דערשראקן, און נישט געוואוסט וואס צו טוהן. וואו זאלן זיי אים גיין זוכן אינמיטן די נאכט? אבער ווען עס איז געווארן חצות, האבן זיי געהערט קלאפן אויפ'ן פענסטער. זיי זענען שנעל ארויסגעלאפן זעהן ווער ס'קלאפט, און ווען זיי זענען ארויס פון שטוב, האבן זיי דערזעהן דעם טאטען, וועלכער איז נעבן זיי געשטאנען ציטערנדיג.

זיי האבן אים אריינגעפירט אין שטוב און דארט דערמונטערט. ווען ער איז שוין געקומען צו זיך, האט ער אנגעהויבן צו דערציילן וואס ס'איז אריבער אויף אים:

גייענדיג איינקאסירן מיינע חובות, בין איך אנגעקומען צו איינער פון מיינע בעלי חובות, וועלכער האט מיר גערופן אז איך זאל מיטגיין מיט אים אין זיין פעלד, ווייל ער וויל מיר באצאלן דעם חוב מיט תבואה (אזוי איז דעמאלטס געווען איינגעפירט, צו באצאלן מיט תבואה אנשטאט געלט). ווען מיר זענען געשטאנען דארט אליין, האט מיר דער פויער אריינגעפירט אין זיין מאגאזין, און געזאגט אז ער וויל מיר הרג'ענען כדי פטור צו ווערן פון זיין חוב.

אין די ערשטע מינוט האב איך געמיינט אז ער מאכט א שפאס, ווייל מיר זענען דאך אלטע באקאנטע. ס'איז מיר נישט איינגעפאלן אז ער זאל עס מיינען ערנסט.

אבער נאך עטליכע מינוט האב איך מיר איבערצייגט אז ער וויל מיר באמת הרג'ענען. איך האב אנגעהויבן צו וויינען און בעטן פון אים אז ער זאל אויף מיר רחמנות האבן. אבער מיינע תחנונים זענען געפאלן אויף טויבע אויערן: "איך האב אזוי באשלאסן, און איך וועל נישט ענדערן מיין באשלוס", האט ער געזאגט מיט א שטרענגען טאן.

ער האט גענומען זוכן זיין האק כדי מיר צו הרג'ענען, אבער דאן האט ער זיך דערמאנט אז ער האט עס פארגעסן אין זיין שטוב. ווען ער האט געוואלט צוריקגיין אין שטוב נאך זיין האק, האט ער זיך געכאפט אז ביז דערווייל קען איך דאך אנטלויפן. האט ער מיר צוגעבונדן מיט שטריק, כדי איך זאל נישט קענען אנטלויפן, און ער אליין איז צוריקגעגאנגען צו זיין שטוב.

ביז דערווייל איז זיין ווייב, וועלכע האט אויך געארבעט אויפ'ן פעלד און נישט געוואוסט פון די גאנצע געשיכטע, אריין אין מאגאזין. זי האט מיר דערזעהן דארט ליגן צוגעבונדן. איך האב איר אין דער איילעניש דערציילט וואס דא גייט פאר, און מיט בכיות און תחנונים געבעטן אז זי זאל רחמנות האבן אויף מיר און אויפבינדן, אז איך זאל קענען אנטלויפן.

די פרוי, וועלכע איז נישט געווען אזא שלעכטע ווי איר מאן, האט מיר געשווינט, אבער פון דער צווייטע זייט האט זי מורא געהאט צו טוהן קעגן איר מאן.

זי האט מיר געזאגט: "מיין מאן איז א געפערליכער רוצח, און אויב ער וועט זיך דערוויסן אז איך האב דיך באפרייט, קען ער נאך אויסלאזן זיין כעס אויף מיר".

אבער איך האב זי נישט צורוה געלאזט, און מיט בכיות געבעטן אז זי זאל מיר אפשוינען און באפרייען. וועגן איר מורא פון איר מאן האב איך איר געגעבן אן עצה, אז זי זאל שפעטער צוריקגיין אין פעלד. אזוי אז ווען איר מאן וועט זיך אומקערן, זאל זי זיך מאכן ווי זי קומט ערשט יעצט צוריק פון פעלד, און זיך נישט מאכן וויסנדיג פון די גאנצע געשיכטע, ממילא וועט איר מאן קענען קלערן אז א פרעמדער מענטש האט מיר באפרייט.

די פרוי האט זיך עטליכע מינוט געקווענקלט און נישט געקענט קומען צו א באשלוס. דערנאך האט זי מיר דאך אויפגעבינדן, ווייל זי האט נישט געקענט צוקוקן מיין צער. באלד דערויף איז זי צוריק אין פעלד, אזוי ווי איך האב איר גע'עצה'ט. אבער פאר דעם האט זי מיר אויך געגעבן אן עצה, אז איך זאל נישט אנטלויפן דורך די גאס וואס פירט צו מיין הויז, ווייל איר מאן וועט זיכער נאכלויפן נאך מיר, און וועט מיר הרג'ענען אויפ'ן וועג. נאר איך זאל מיר באהאלטן צווישן די הויכע זאנגען אין פעלד, און ווען עס וועט שוין זיין גוט טונקל, זאל איך מיר אויפהייבן פון דארט און אהיימגיין.

איך האב איר געפאלגט, און איך האב מיר גוט באהאלטן, אז מ'זאל מיר נישט קענען ארויסזעהן. עס איז נישט אריבער קיין סאך צייט, און דער פויער איז צוריקגעקומען מיט זיין האק. ווען ער האט דערזעהן אז איך בין נישט דארט, האט ער זיך גענומען ארומלויפן אין פעלד ווי א ווילדע חיה און מיר געזוכט. פלוצלונג האב איך דערהערט זיינע טריט ממש נעבן מיר, און איך בין געווען כמעט זיכער אז ער וועט מיר באמערקן. איך בין געבליבן אן א אטעם, איך בין געווען זיכער אז מיין סוף איז געקומען. אבער די זאנגען האבן מיר פאקטיש גוט צוגעדעקט, און ער האט מיר נישט באמערקט.

דער פויער האט זיך גענומען לויפן צום הויפט גאס, און ווען ער האט געזעהן אז די גאס איז ליידיג, האט ער זיך אומגעקערט מיט כעס צו זיין שטוב. איך האב נאך געהערט פון מיין באהעלטעניש זיינע געמיינע קללות, אבער איך האב שוין דעמאלטס נישט מורא געהאט.

ווען עס איז געווארן גוט טונקל, שפעט ביינאכט, האב איך מיר ארויסגעשלייכט פון מיין באהעלטעניש, און מיט איין אטעם גענומען לויפן אהער צו מיין שטוב.

ווען ער האט געענדיגט דערציילן זיין געשיכטע, האט אים זיין פרוי גענומען דערציילן די מעשה מיט'ן רביין, ווי ער האט געזאגט צוויי מאל תהלים מיט די קינדער. דאן האבן זיי אלע פארשטאנען דעם וואונדער, פארוואס דער רבי האט פלוצלונג באזוכט אין זייער הויז, און געזאגט מיט די קינדער צוויי מאל תהלים, כדי אים צו ראטעווען צוויי מאל פון די סכנה. דאס ערשטע מאל ווען די פויער'טע האט רחמנות געהאט אויף אים און אים אויפגעבינדן, און דאס צווייטע מאל, אז דער פויער זאל אים נישט באמערקן אין זיין באהעלטעניש.

## באפרייט פון מיליטער דורך תהלים זאגן

צום "יסוד העבודה", הרה"ק רבי אברהם פון סלונים זצוק"ל, איז אמאל געקומען א דארפסמאן, אן ערליכער איד, און דערציילט דעם צדיק אז זיין זוהן האט באקומען אן איינלאדונג זיך צו שטעלן צו די מיליטער, אבער וויבאלד ער איז א געזונטער אן קיין חסרון ברוך ה', וועט מען אים זיכער נעמען צו די מיליטער, וואס דאס איז א סכנה פאר זיין אידישקייט.

דער דארפסמאן האט צוגעלייגט, "וואלט איך כאטש געהאט געלט, וואלט איך אלס אוועקגעגעבן כדי אויסצולייזן מיין זוהן דורך שוחד. אבער ליידער האב איך קיין נישט געלט, איז נישט שייך אז איך זאל אים קענען אויסלייזן". בעט ער דעריבער פונעם רביין ער זאל ראטעווען זיין זוהן פון די צרה!

זאגט צו אים דער "יסוד העבודה", "איר זאלט אנזאגן אייער זוהן אז די פאר נעכט וואס עס איז נאך געבליבן ביז דעם טאג וואס ער דארף זיך שטעלן, זאל ער זיין אויף ביינאכט און אויסזאגן גאנץ תהלים, ווארט ביי ווארט, מיט גרויס כוונה, און השי"ת וועט אים העלפן".

דער בחור האט געפאלגט, און איז אין די פאר נעכט געזעצן מיט'ן תהלים און געזאגט מיט התלהבות ווארט ביי ווארט.

דאן איז געווען אינמיטן טבת, און עס איז געווען א שווערע וועטער, קעלט און שנייען.

אינמיטן איינע פון די נעכט, הערט זיך א שטארקע קלאפעריי ביי די טיר פון דעם דארפסמאן. דער בחור איז צוגעגאנגען צום טיר, און האט געטראפן שטיין א פאר גענעראלן וואס זענען געווען נאס און פארפרוירן. זיי האבן געבעטן מיט רחמים אז מ'זאל זיי אין הויז אריינלאזן, ווייל נאר דא האבן זיי געטראפן א ליכט, ווען אין גאנצן דארף איז טונקל. זיי שפירן אז אט אט לאזן זיך אויס זייערע כוחות און פאלן אנידער פון קעלט.

באלד האט דער בחור זיי אריין געברענגט, און זיי געזעצט נעבן דעם ווארימער אויוון. ער האט זיי דערלאנגט א הייסן טרונק, און זיי אפגעראטעוועט.

ווען זיי זענען געקומען צו זיך, האבן זיי דערציילט דעם בחור, אז צוליב די

טונקלקייט און שווערן וועטער זענען זיי פארבלאנדשעט געווארן אין וועג און פארקראכן ביז דעם דארף, וואס איז גאנץ ווייט פון דעם וועג וואס זיי דארפן פארן. ווען זיי האבן געשפירט אז זיי קענען מער נישט אויסהאלטן פון קעלט און הונגער, האבן זיי באשלאסן אריינצוגיין אין איינער פון די הייזער. וויבאלד אז די איינציגע הויז אין דארף וואס איז געווען לעכטיג איז געווען דאס הויז, זענען זיי דא אריין, און זיי ווייסן נישט מיט וואס אים צו דאנקען.

דער בחור האט זיי פארגעשלאגן אז זיי זאלן דא נעכטיגן. ווען עס וועט ווערן לעכטיג, וועט ער זיי ווייזן דעם וועג וואס פירט צום שטאט, דארט וואו זיי דארפן אנקומען.

באלד אינדערפרי האט זיי דער בחור ארויסבאגלייט און זיי אנגעוויזן דעם וועג. גייענדיג מיט אים, פרעגן זיי אים וואס איז די סיבה וואס ער איז טאקע אויף געווען ביינאכט, און ווי זיי האבן אויך געזעהן האט ער געדאווענט א גאנצע צייט פון א ספר, צי איז דא עפעס א סיבה דערצו?

האט דער בחור זיי געענטפערט, אז ער דארף זיך שטעלן צו די מיליטער, און ער טרעפט נישט קיין וועג ווי אזוי זיך צו פטר'ן. אלס איד וועט דאס דינען אין מיליטער אים שטארק שאטן, דעריבער זאגט ער יעדן נאכט אזעלכע תפילות און בקשות אז דער ג-ט פון די אידן זאל אים העלפן און באפרייען פון מיליטער.

די גענעראלן האבן געפרעגט זיין נאמען און אדרעס, און איינער פון זיי האט דאס ביי זיך פארשריבן.

ווען דער בחור איז געקומען א פאר טעג שפעטער אין די מיליטער אמט זיך צו שטעלן, איז געווען אנגעגרייט אין זיין "תיק" [אַרכיוון-פייל] א מעלדונג, אז ער דארף זיך שטעלן ביי דעם הויפט גענעראל. ער דארף אים אונטערזוכן און זעהן ווי אזוי איז זיין געזונט און כח צו דינען.

מיט שרעק איז דער בחור מיט'ן פאטער געגאנגען צו דעם הויפט גענעראל, זייענדיג זיכער אז זיי וועלן אים באלד געפינען געזונט און שטארק, און אים פארשיקן באלד צום דינען.

אבער צום וואונדער, האבן אלע גענערעלער - די זעלבע וואס זענען יענע נאכט געווען ביי זיי אין הויז - באשלאסן צוזאמען אז ער טויג נישט צו קיין זאך און דארף באלד באפרייט ווערן...

יעצט האבן דער פאטער און זוהן פארשטאנען די הייליגע כוונה פון רבי'ן, אז ער זאל אויף זיין ביינאכט און זאגן תהלים.

## אנערקענט דאס חשיבת פון זאגן תהלים

עס רעשי'ט זיך, עס טומלט זיך... דער גרויסער גביר פון שטעטל מאכט א גרויסארטיגע סעודה לכבוד דעם סיום פון די ספר תורה וועלכע ער האט געלאזט שרייבן. דאס איז נישט סתם א ספר תורה, נאר מיט די גרעסטע הידורים. ער האט אליין געקויפט די קעלבלעך און גוט אכטונג געגעבן אויף זיי. ער האט זיי געלאזט שחט'ן ביי א חשוב'ן שוחט, צוטיילט דאס פלייש פאר ארימעלייט, און ערשט דעמאלטס האט ער גענומען די פעל און געמאכט דערפון פארמעט (קלף).

ווען די פארמעט איז געווארן גוט אויסגעארבעט, האט ער געדונגען גאר אן ערליכן סופר. דער סופר האט גוט געקענט די הלכות, און פלעגט זיך טובל׳ן פאר׳ן שרייבן יעדן שם, צו שרייבן דעם ספר תורה בקדושה ובטהרה. דערפאר האט ער אים אויסגעהאלטן בהרחבה די גאנצע צייט.

עס האט גענומען א פאר יאר ביז דער ספר תורה איז פארטיג געווארן, און יעצט האט ער צוגעשטעלט א סעודה כיד המלך.

צו די סעודה זענען געלאדנט געווארן אלע איינוואוינער פון שטאט אן אויסנאם, סיי די גרעסטע רבנים און גבירים, ווי אויך די פשוט׳סטע מענטשן. דער אויבנאן איז געווען באשיינט מיט פיל תלמידי חכמים, און דער גביר האט דוקא איבערגעלאזט די לעצטע פאר אותיות פאר זיי צו שרייבן.

אין די שטעטל האט אויך געוואוינט א פשוט׳ער וואסער-טרעגער. ער האט קיינמאל נישט געהאט א געלעגנהייט צו לערנען, ווייל יונגערהייט איז ער געווארן א יתום, און איז געבליבן אומוויסנד. ער איז טאקע אן עם הארץ, אבער דאך א גרויסער ירא שמים. דערצו פלעגט ער א גאנצן טאג זאגן תהלים מיט גרויס כוונה, אויסגיסנדיג זיין הארץ פאר׳ן באשעפער.

פיהל טייכן טרערן האט ער ביי דעם תהלים׳ל פארגאסן. ווען מען האט אים נאר געטראפן, סיי ביים שעפן וואסער, סיי זיצנדיג אין ביהמ״ד, האט מען שטענדיג געזעהן ווי זיינע ליפן שאקלן זיך, זאגנדיג פסוקים פון תהלים.

יעצט, ביי די געלעגנהייט פון דער סעודה, האט דער וואסער טרעגער באשלאסן אהין צו גיין. דער הונגער האט אים זייער געדרוקט, אזוי וועט ער קענען דערכאפן דאס הארץ. ער האט אומגעדולדיג געווארט עס זאל שוין ווערן נאכט.

אריינקומענדיג אין זאל, איז ער פארבלענדעט געווארן דערזעענדיג די רייכע סעודה וואס דער גביר האט אהערגעשטעלט. פאר יעדער מענטש איז געווען אנגעגרייט א פריש געבאקענע בילקע, און פון די קאך האט שוין ארויסגעשמעקט דער געשמאקע גערויך פון די פיינע פיש, פלייש, א.ד.ג.

ער האט זיך געזעצט צום טיש,ווארטנדיג דער עולם זאל זיך שוין וואשן. אבער קודם האט מען געדארפט אויסהערן די דרשות פון די רבנים. ער האט אבער ליידער נישט צופיל פארשטאנען, און דער הונגער האט אים זייער געפלאגט. האט ער קוים אויסגעווארט ביז מען האט שוין צו מזל אויסגערופן אז יעדער זאל זיך גיין וואשן. אבער פונקט דעמאלטס איז אנגעקומען נאך א רב, און צוליב זיין כבוד האט זיך יעדער צוריקגעזעצט אויפ׳ן פלאץ, און אויך דער רב האט גענומען זאגן א דרשה. דא האט דער וואסער-טרעגער געפילט אז ער האלט עס ממש נישט אויס. ער האט געקלערט ביי זיך, אז קיינער וועט סיווי נישט באמערקן ווי ער וואשט זיך, ווייל ער זיצט דאך ביים עק טיש. אזוי האט ער טאקע געטון, ער איז צוגעגאנגען צום וואסער און זיך געוואשן.

פונקט אבער, איז דער גביר דורכגעגאנגען, און דערזעהענדיג ווי דער פשוט׳ער וואסער-טרעגער האט זיך געוואשן פאר יעדער, האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן און האט אים גוט אנגעשריגן, ״האסטו געהערט? דער פראסטער מוז שפרינגען פאר יעדן! דו מיינסט אז מיט דעם וואס דו זאגסט תהלים ביסטו שוין חשוב? נישט אומזיסט זאגן אונזערע חכמים הדיוט קופץ בראש!״

דער וואסער-טרעגער האט זיך זעלבסט פארשטענדליך זייער פארשעמט, און איז אנטלאפן ווי די אויגן האבן אים געטראגן. קיינער האט עס אבער נישט אין אכט גענומען...

אין די זעלבע נאכט האט מיט'ן גביר פאסירט גאר אן אינטערעסאנטע מעשה. נאך די סעודה, האט ער זיך רואיג געזעצט לערנען זיין טאג טעגליכן שיעור, ווען פלוצלונג האט ער געהערט א קלאפ אין די טיר. א מידער האט ער זיך אויפגעשטעלט און אויפגעמאכט די טיר. אבער נאך איידער ער האט זיך געקענט אומקוקן ווער עס שטייט דארט, איז געקומען א מורא'דיגע שטורעם ווינט, וועלכע האט אים אויפגעהויבן און אוועקגעטראגן ווייט ווייט אין א וויסטן מדבר.

ווען ער האט ענדליך געלאנדעט אויף דער ערד, האט ער גענומען טאפן זיינע ביינער. ברוך ה' גארנישט האט זיך צובראכן. ער האט געדאנקט דעם אויבערשטן וואס האט אים באשיצט אז אלע גלידער זענען געבליבן גאנץ, און האט מיט שרעק גענומען באטראכטן דאס ארט, צו זעהן ווי אזוי ער קען זיך פון דארט ארויסבאקומען. אזוי ארומקוקנדיג, האט ער באמערקט אז עס איז נישט אינגאנצן וויסט. פונדערווייטנס זעהט ער א הויז, נישט א פשוט'ע הויז, נאר א הערליכע פאלאץ, פון וועלכע עס לייכט ארויס. האט ער באשלאסן אהינצוגיין און זעהן צי איינער איז דארט. ער קוקט אריין דורכ'ן פענסטער, און דערזעהט א גרויסע זאל מיט א הערליכע לאנגע טיש און גאלדענע שטולן ארום און ארום. אריינצוגיין האט ער מורא געהאט, אפשר זענען דארט דא שדים. אבער באלד באמערקט ער דריי מענטשן מיט ג-טליכע צורות (די אבות הקדושים), זיצן אוןווארטן.

פלוצלונג הערט ער אויסרופן: "מאכטס פלאץ פאר דוד המלך". א מינוט שפעטער הערט ער אויסרופן: "ברוך הבא, דוד מלך ישראל". דערנאך האט מען אויפגענומען דעם בעש"ט הק' זי"ע.

מיט גרויס פחד האט ער באטראכט די הייליגע שטראלנדיגע געזיכטן, און מיט גרויס פארכט האט ער צוגעהערט וואס זיי רעדן.

דוד המלך האט זיך אויפגעשטעלט און געזאגט: "איך רוף צו א דין תורה דעם באוויסטן עושר פון דער און דער שטעטל, אויף דעם וואס ער האט פארשעמט ברבים דעם וואסער-טרעגער. ווי באקאנט, האב איך געבעטן ביי הקב"ה אז ווען איינער זאגט ערליך תהלים זאל עס ווערן גערעכנט ווי ער וואלט געלערנט די שווערסטע מסכתות, און דער באשעפער האט מיר טאקע צוגעזאגט אז עס וועט זיין אזויווי ער איז עוסק אין "נגעים ואהלות". דער וואסער-טרעגער זאגט דאך תהלים א גאנצן טאג, און איז זייער חשוב אין הימל. דער גביר, וועלכער שטייט דא אינדערויסן האט אים אבער פארשעמט און געשפעט פון זיין תהלים זאגן!"

די בית-דין האט גע'פסק'נט: "עס קומט אים טאקע מיתה דערפאר, ווייל "המלבין פני חברו ברבים, כאילו שופך דמו". אבער לאמיר הערן וואס דער בעש"ט הק' האט צו זאגן, עס זעהט אויס אז ער וויל אים פארטיידיגן".

האט זיך אנגערופן דער בעש"ט הק': "דער פסק איז טאקע ריכטיג, אבער אויב דער מענטש וועט שטארבן, וועט קיינער נישט וויסן פארוואס ער איז אומגעקומען. קיינער וועט דערפון נישט פארשטיין די גרויסקייט פון תהלים זאגן, און די הארבקייט פון פארשעמען א צווייטן.

דעריבער האלט איך מען זאל ענדערש פסק'נען אז ער זאל מאכן נאך א סעודה, פונקט אזוי גרויס ווי די היינטיגע. ביי דעם סעודה זאל ער ברבים איבערבעטן דעם וואסער-טרעגער, און דערציילן וואס עס האט מיט אים דא פאסירט. לאמיר געבן פאר דער גביר די ברירה".

דער בית-דין האט מסכים געווען, און דער בעש"ט איז ארויסגעגאנגען פרעגן דעם גביר זיין החלטה, צי ער איז מסכים צום פסק. פארשטייט זיך אז דער גביר האט מסכים געווען צום פסק.

וויבאלד ער האט מקבל געווען אויף זיך דעם דין און זיך עטוואס בארואיגט, איז נאכאמאל געקומען א שטורעם ווינט, און אים אפגעפירט אהיים. פארשטייט זיך מיט וואספארא שרעק דער גביר האט זיך געלייגט שלאפן, קוים דערווארטנדיג דעם מארגנדיגע טאג.

צופרי, ווי נאר די זון האט אויפגעשיינט, האט דער עושר גענומען אויספירן זיין צוזאג. ער האט באפוילן די שטוב מענטשן צוצוגרייטן א סעודה, נאך שענער און בעסער ווי די נעכטיגע. ער איז פערזענליך ארומגעגאנגען איינלאדענען אלע וועלכע האבן זיך מיטגעטיילט אין זיין ערשטע סעודה, און אוודאי דער וואסער-טרעגער.

ווען דער וואסער-טרעגער האט אים געזעהן, האט ער קודם געוואלט אנטלויפן, טראכטנדיג אז דער עושר וויל אים ווידער אנשרייען... אבער דערזעענדיג ווי הכנעה'דיג דער גביר איז צו אים, האט ער מיט אומגעדולד געווארט צו הערן וואס ער וויל אים זאגן. דער גביר האט אים איבערגעבעטן אויף דעם וואס ער האט אים נעכטן אזוי אנגעזידלט, און ער האט אים איינגעלאדנט צו די צווייטע סעודה וואס ער מאכט היינט ביינאכט. דער וואסער-טרעגער האט מסכים געווען צו קומען.

ביי די סעודה האט דער גביר פארציילט די גאנצע מעשה. דערביי האט ער ברבים איבערגעבעטן דעם וואסער-טרעגער נאכאמאל. מיט דעם האט ער ארויסגעברענגט ווי טייער און חשוב איז אין הימל דער וואס זאגט תהלים, און ווי הארב איז די עבירה פון פארשעמען א צווייטן איד.

## באגלייט מיט מוזיק

אין די שטאט פרעמיסלא האט געוואוינט א איד מיט'ן נאמען ר' יודל. געווען איז ער א גרויסער ערליכער איד וואס האט געדינט דעם רבש"ע מיט גרויס תמימות און אמת. אין די שטאט האט מען אים גערופן "דער רויטער ר' יודל". די פרוי זיינע איז אויך געווען אן ערליכע חשוב'ע פרוי. זי איז אים געשטאנען צו הילף אז ער זאל קענען דינען דעם באשעפער אומגעשטערט א גאנצן טאג. ר' יודל פלעגט טאקע זיצן אין ביהמ"ד, געדאווענט און געזאגט תהלים מיט א געוואלדיגע מתיקות, פון וואס די צוהערער האבן זיך נישט געקענט אוועקרייסן דערפון.

ס'איז נישט אדורך א טאג וואס ר' יודל זאל נישט האבן אויסגעזאגט גאנץ תהלים, און שבת קודש און יו"ט פלעגט ער אויסזאגן תהלים אפילו צוויי מאל, שיין, געלאסן, ווארט ביי ווארט. ביי יעדן פסוק האט ער זיך אויסגעגאסן דאס הארץ מיט גרויס בענקשאפט און האפענונג. אידן פלעגן זיך מזכיר זיין ביי אים אז ער זאל זיי אינזין האבן, און גלייכצייטיג אויסבעטן אויך פאר זיי ישועות און רפואות.

אזוי זענען פארביי געגאנגען עטליכע יאר אן קיין שום ענדערונג, ביז אויף דער עלטער,

ווען ר' יודל איז שוין געווען אן אלטער איד, איז ער מיטאמאל שוואך געווארן (ל"ע). ער האט געמוזט ליגן רוב טאג אין בעט מיט יסורים (רח"ל). יעדער אין די שטאט האט געהאט מיט אים מיטלייד, זיי זענען געקומען אים מבקר חולה זיין און וואונטשן א רפואה שלימה.

אויסער דעם, האט יעדן וויי געטון וואס ר' יודל ווערט געשטערט פון זיין הייליגע עבודה. ווער ווייסט וויפיל אידן פון אונז לעבן און זענען געזונט בלויז אין דעם זכות פון זיין תהלים זאגן, וואס ער בעט פאר אונז.

ר' יודל האט זיך פון גארנישט געמאכט צו טוהן. זיין מויל האט נישט אויפגעהערט, נאר ווייטער ממשיך געווען מיט תפילות און בקשות ביז צום לעצטן טאג פון זיין לעבן. אזוי טאקע האט ער אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה.

די ביטערע בשורה האט זיך שנעל צושפרייט אין די שטאט. א וואלקען פון טרויער אין טונקלקייט האט באדעקט די גאנצע שטאט. יעדער איז זיך צוזאמען געקומען אים אפגעבן דעם לעצטן כבוד, און באגלייטן דעם גאנצן וועג ביז צום בית החיים, מיט גרויס געוויין, און זיך געזעגנט פון אים אויף אייביג.

זייענדיג אויפ'ן וועג, איז פונקט פאראיבער געפארן א גרופע סאלדאטן אויפ'ן הויפט וועג וועלכעס פירט קיין לעמבערג. זעענדיג דעם גרויסן עולם וואס האט זיך פארזאמלט, זענען זיי אראפגעפארן פון וועג און זיך דערנענטערט. די בכיות און די טרויער געדאנקן האבן זיך איבערגעהאקט אויף א ווייլע ביי די פילע באגלייטער, דערזעענדיג ווי עס קומט זיי אנטקעגן א גרופע קייזערליכע סאלדאטן, רייטנדיג אויף

רייכע פערד, אנגעטון מיט טייערע פאנצערס, קופערנע הוטן אויף זייער קעפ, און לאנגע שווערדן ביי די זייטן. זייער קומען האט געמאכט אויפ'ן גאנצן עולם א שטארקן איינדרוק, און נאך מער האט דער עולם געשטוינט ווען די רייטער זענען געבליבן שטיין פאר זיי, און דער פירער איז צוגעקומען און געפרעגט וואס איז דא די פארזאמלונג. אזויווי מען האט אים געענטפערט אז זיי באגלייטן דא א נפטר, א חשוב'ן איד מיט'ן נאמען ר' יודל, וועלכער פלעגט שטענדיג בעטן פאר זיי מיט די לויב געזאנגען פונעם אידישן קעניג דוד. האט ער געגעבן א ווינק פאר זיינע סאלדאטן אז זיי זאלן אלע מיטקומען באגלייטן דעם איד.

די סאלדאטן האבן גענומען אין די האנט זייערע פידלען און אנדערע כלי זמר, וואס זיי האבן געהאט אנגעבינדן אויף די פלייצעס. זיי האבן אנגעהויבן צו שפילן א הארציגן טרויעריגן ניגון. זיי האבן געריטן פון פאראויס פאר'ן גאנצן עולם באגלייטנדיג דעם נפטר ר' יודל.

אנקומענדיג אין בית החיים, האבן זיי נאך אלס געשפילט. איבער די גאנצע צייט וואס דער עולם איז געווען באשעפטיגט מיט'ן באערדיגן און באוויינען דעם נפטר, האבן זיי פארגעזעצט מיט די נגינה. מיטאמאל האבן די פארזאמלטע באמערקט אז די סאלדאטן זענען שוין מער נישטא. האט מען געפרעגט איינער דעם אנדערן ווער עס ווייסט עפעס פון די סאלדאטן. קיינער האט אבער נישט אין אכט גענומען צו וועלכע ריכטונג זיי זענען אוועקגעפארן, זייענדיג פארטראכט און פארטון מיט'ן נפטר.

יעצט האט זיך דער עולם הערשט געכאפט אז עס איז געווען אן עוולה פון זיי וואס זיי האבן צוגעלאזט אז מען זאל באגלייטן דעם נפטר מיט מוזיק, וואס דאס

איז נישט קיין אידישער מנהג, און דוקא ביי אזא ערליכן אפגעהיטענעם איד ווי ר׳ יודל האט דאס געמוזט פארקומען. עס איז אבער א פארפאלענע זאך, וואס האבן זיי דען געקענט טוהן. דא זענען זיי געווען אזוי צובראכן און דערשלאגן, און דא זענען די סאלדאטן געווען אזוי רייך באקליידעט און באוואפנט, אז עס האט געמאכט אויף זיי אזא איינדרוק אז זיי האבן נישט געכאפט וואס דא גייט פאר.

אויפ׳ן גאנצן וועג צוריק האבן זיי פאר אינטערעסאנטקייט געזוכט די סאלדאטן. זיי האבן זיך נאכגעפרעגט ביי די וואס זענען פארבייגעפארן, אויב זיי האבן באגעגנט די רייכע סאלדאטן. אבער אלע האבן געענטפערט אז זיי האבן נישט געזעהן אויפ׳ן גאנצן וועג קיין שום סאלדאטן. פון גרויס נייגער האט מען ארויסגעשיקט עטליכע שלוחים צו די דערפער און שטעטלעך ביז לעמבערג, זיך נאכצופרעגן צי זיי וייסן עפעס פון די סאלדאטן. אבער ס׳איז נישט געקומען קיין שום ענטפער.

דער עולם האט זיך נישט געקענט בארואיגן פון די מאדנע פאסירונג. עס האט זיי אויך ווי געטון פארוואס פונקט ביי דעם ערליכן איד ווי ר׳ יודל האט געמוזט פארקומען אזא מעשה, וואס זיי האבן צוגעלאזט אז גוי׳אישע סאלדאטן זאלן אים באגלייטן און באזונגען אזויווי זיי פירן זיך.

עטליכע טעג זענען פאראיבער, און ר׳ יודל איז געקומען אין חלום צום רב פון די שטאט, וואס אויך אים האט די זאך שטארק וויי געטון. ר׳ יודל האט אים דערציילט מיט גרויס פרייד, "דער רב זאל וויסן אז דער הויפט פונעם מיליטער וואס איז מיר געקומען באגלייטן איז נישט געווען קיין אנדערער ווי "דוד המלך" אליין. די גרופע סאלדאטן זענען געווען זיין הייליגע חברייא וואס האבן מיר באגלייט מיט׳ן זעלבן ניגון וואס דוד המלך האט זיך אויסגעגאסן זיין הארץ פאר הקב"ה ווען ער האט געזאגט די הייליגע קאפיטלעך תהלים".

ווען דער עולם האט זיך דערוואוסט פון די ווערטער וואס ר׳ יודל האט איבערגעגעבן פאר׳ן רב, האבן זיי הערשט דערשפירט וואס זיי האבן פארלוירן מיט די פטירה פון ר׳ יודל, און זיי האבן גענומען אויף זיך נאכצוגיין אין זיינע פיסטריט.

## וואס תהלים קען...

עס ווערט געברענגט א מעשה וואס האט פאסירט אין די צייטן פונעם הייליגן חתם סופר זצ"ל וואס איז געווען רב אין די שטאט פרעשבורג. אין א נאנטע קהילה נעבן פרעשבורג האט מען געוואלט אויפנעמען א רב. צווישן די אויסדערוועלטע זענען געווען צוויי ערנסטע קאנדידאטן. איינער פון זיי איז געווען א נאנטער תלמיד פון דער חתם סופר זצ"ל, און ער איז געווען באוואוסט אלס א גרויסער תלמיד חכם. דער צווייטער איז אויך געווען א תלמיד חכם, אבער ער איז געווען מער באוואוסט איבער זיין גרויסן כח וואס ער לייגט אריין אין תפילה, און אין תהלים זאגן מיט גרויס כוונה.

דער חתם סופר האט זיך שטארק אנגענומען פאר זיין תלמיד, אבער ביים סוף, נאך די וואלן, איז געוועלט געווארן דער אנדערער.

ווען דער חתם סופר האט זיך דערפון דערוואוסט האט ער זיך אנגערופן: "יא, וואס תהלים קען, קען איך נישט..."

# גודל מעלת עניית אמן יהא שמיה רבא

בשעה שהזקן יושב ודורש ועונין אחריו אמן יהא שמיה רבא (קדיש אחר הדרשה) אפילו יש לו שטר גזירות של מאה שנה הקב"ה מוחל.

(מדרש רבה קהלת ט, כ, מדרש שוח"ט משלי י')

ווען דער חכם דרש'נט און מען זאגט נאכ'ן לערנען אמן יהא שמיה רבא, אפילו עס איז שוין אנגעשריבען אויף אים גזירות פון הונדערט יאהר, איז השי"ת מוחל.

(שם, בתרגום לאידיש)

עניית אמן יהא שמיה רבא מהדברים שמוחלין לו בעבורו על כל עוונותיו.

(חרדים, מצות שובה, פרק ז', בחתימת הספר).

גדול העונה אמן יותר מן המברך. (ברכות נג:).

כל העונה אמן בכל כחו פותחין לו שערי גן עדן.

(שבת קיט:)

התוספות במסכת שבת (קיט: ד"ה כל העונה וכו') כתבו ב' פירושים, א) בכל כחו, היינו בכל כוונתו, וכן פירש"י ז"ל. ב) בכל כחו, היינו בקול רם, כן פירש ר"י.

העונה אמן בכל כחו קורעין לו גזר דינו של שבעים שנה. (שבת קיט:)

כל העונה אמן יהא שמיה רבא בכל כחו אפילו יש בו שמץ של עבודה זרה מוחלין לו. (שבת קיט:)

כשישראל נכנסים לבתי כנסיות ואומרים יהא שמיה רבא מבורך בקול רם מבטלין גזירות קשות.

(תוס' שבת קיט: לשון חז"ל בפסיקתא)

הרי"ף בעין יעקב פירש "בכל כחו" דלא קאי על הרמת קול, אלא ריבוי האמנים, שעונה לא אחד ולא שנים, אלא כל אשר תמצא ידו בכל כחו לענות אמן מרבה לענות.

אין גדול לפני הקב"ה יותר מאמן שישראל עונין.

(דברים רבה ז)

כל העונה אמן בעולם הזה זוכה לענות לעתיד לבוא.

(פס"ז ויקרא ז טו)

זה לשון התנא רבי ישמעאל כהן גדול: למחר הכניסני המלאך לחדרי חדרים והראני צרות קשות מן הראשונות וכו', ואמר לי בכל יום ויום מתחדשות צרות קשות מאלה, וכיון שנכנסין לבית הכנסת, ועונין בקול רם אמן יהא שמיה רבא מבורך וגו' אין אנו מניחין את הצרות לצאת מחדרי חדרים אלו.

(מדרש פרקי היכלות)

כשיש צרה בעולם מסתכל הקב"ה באלו שעונין אמן ונזהרים בהם להצילם מכל צרה וצוקה.

(זוהר וילך)

ועל ידי אמן יהא שמיה רבא ינצלו מחבלי משיח.

(בהקדמת הגר"א ז"ל לתיקוני זוהר)

התלונן הסבא מנאבארהדאק זצ"ל שאין אמונה אמיתית בדברי חז"ל, כי בשעת צרה רח"ל מחפשים סגולות שונות ועושים את כל ההשתדלויות, ולמה אינם מתחזקים באמירת אמן יהא שמיה רבא בכל כוחם וכוונתם, אשר גילו לנו חז"ל שעי"ז קורעין רוע גזר הדין, והרי כל אות ואות מדברי חז"ל זהו אמת לאמתה.

(ספר המאורות הגדולים)

בשעה שישראל בצרה ומתפללים לפני הקב"ה קול מכריז בכל העולמות פתחו שערים, כמו שישראל פותחים בעניית האמן את שערי הברכה, כך עתה יפתחו לפניהם השערים לקבל תפלתם.

(זוהר הקדוש)

איתא בספר חסד לאברהם (עין הקורא נהר ל) שהדורש בדברי אגדה יש בזה כח למחול על עוונות ישראל, ובאמירת קדיש על האגדה נמחלין כל עוונותיו, ואפילו נחתם דינו לרעה, והביא דברים בספר מדבר קדמות (מערכת ד' אות י"ד), ועי' גם בציפורן שמיר (סימן י' אות קמ"ו).

# דער גרויסער באלוינונג (שכר) פאר זאגן אמן און "אמן יהא שמיה רבא"

**א.**

דער וואס זאגט אמן מיט זיין גאנצן כח, און די געהעריגע כוונה, עפענט מען אים די טויערן פון גן עדן, מען צורייסט זיין גזר דין וואס איז אנגעשריבן אויף זיינע זיבעציג יאר, און מען איז מוחל זיינע אלע עבירות.

(שבת קיט: ובתוס', זוה"ק ח"ג כ., תיקוני זוהר יט. מ.)

**ב.**

פון ווען א קליין קינד זאגט אמן איז ער זוכה צו עולם הבא. (סנהדרין קי:)

**ג.**

עס איז נישטא קיין גרעסערע זאך פאר השי"ת ווי "אמן" וואס אידן זאגן. (דברים רבה ז')

**ד.**

דער וואס זאגט אמן אויף די וועלט וועט זוכה זיין צו זאגן אמן לעתיד. (שם ומדר"ת לו, ח)

**ה.**

די וואס זאגן אמן מיט כוונה גייען אויף יענע וועלט הויעך פון מדריגה צו מדריגה. (זוה"ק ח"ג רפו)

**ו.**

עמי הארץ וואס קענען נישט לערנען אפילו חומש און האבן בלויז דעם שכר פון גיין אין שוהל און זאגן אמן, איז אויך גענוג. (אגדה בראשית ע"ט)

**ז.**

ווען אידן זאגן אמן עפענען זיך אין הימל די טויערן פון ברכה און שמחה. (זוה"ק ח"ג רפה:)

**ח.**

די וואס זאגן אמן און עפענען דורכדעם די טויערן פון הימל, טוט הקב"ה עפענען די טויערן פון הימל ווען זיי בעטן אין א עת צרה. (שם)

**ט.**

רבי אורי מסטרעליסק, זי"ע האט געזאגט: **"ווען איך וואלט וויסן אז איך האב אויף מיין לעבן געזאגט איין "אמן" ווי עס דארף צו זיין וואלט איך שוין מער נישט געדאגה'ט.**

**י.**

רבי שמעון בן יוחאי שרייבט וועגן די חשיבות פון "אמן": ווען אידן אויף דער וועלט גיבן צו ענטפערן אמן און מ'איז גוט מכוון דערביי, וויפיל טויערן פון ברכה עפנט זיך אויבן, וויפיל גוט'ס געפינט זיך צוליב דעם אין אלע וועלטן, און וויפיל שמחה הערשט אומעטום... [תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו, הוא ימליץ טוב בעדינו אדוננו בר יוחאי]

(זוהר ח"ג רפ"ה)

**יא.**

דער גרעסטער לויב פאר השי"ת איז קדיש וואס צוברעכט די סטרא אחרא מיט אלע קליפות.

(זוה"ק ח"ב קחט:, וח"ג קכט:)

**יב.**

ביים זאגן יהא שמה רבה דארף מען מעורר זיין אלע אברים (גלידער) צו זאגן מיט כח און מיט דעם צוברעכט מען די כח פון די סטרא אחרא. (זוה"ק ח"ק רכ.)

**יג.**

ווען אידן זאגן הויעך אמן יהא שמה רבה ווערט השי"ת פיל מיט רחמנות אויף יעדן אפילו אויף די רשעים פון גיהנם.

(זוה"ק ח"א סב:)

**יד.**

די וועלט שטייט אויף אמן יהא שמה רבה וואס מען זאגט נאכן לערנען. (סוטה מט.)

**טו.**

ווען דער חכם דרש'נט און מען זאגט נאכ'ן לערנען אמן יהא שמה רבה, אפילו עס איז שוין אנגעשריבן אויף אים גזירות פון הונדערט יאר איז השי"ת מוחל.

(מדרש רבה קהלת ט, כ. – מדרש שוח"ט משלי י').

**טז.**

דער וואס זאגט אמן יהא שמה רבה מיטן גאנצן כח אפילו ער האט געהאט די עבירה פון ע"ז איז מען אים מוחל.

(זוה"ק ויקרא, רע"מ דף כ.)

**יז.**

דער וואס זאגט אמן יהא שמה רבה איז מען אים מוחל אלע עבירות. (חרדים מצות תשובה פ"ז)

**יח.**

יעדער צדיק האט א עקסטרע שטוב אין גן עדן לויט זיין מדריגה, און דער וואס זאגט אמן מיטן גאנצן כח עפענט מען אים די טירען פון אלע שטובער. (מהרש"א שבת קיט:)

נתייסד
בשנת
תשנ"ב

בסייעתא דשמיא - ובעזרת השם יתברך

# הננו להודיע בשער בת רבים
# שגם בימי שובבי"ם ת"ת

**מתקיים מנין לאמירת**

# כל ספר תהלים בציבור

**ברוב עם הדרת מלך**

# בכל יום ראשון

# ☞ בשעה 3:30 אחצ"ה ☜

# בבית המדרש באבוב

**15 Ave. - 48th Street**

# אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ

**זָכְרֵנוּ בְּזִכָּרוֹן טוֹב לְפָנֶיךָ: זָכְרֵנוּ לְחַיִּים טוֹבִים:**

**זָכְרֵנוּ לִגְאֻלָּה וִישׁוּעָה: זָכְרֵנוּ לְפַרְנָסָה וְכַלְכָּלָה:**

**זָכְרֵנוּ לִזְכֻיּוֹת: זָכְרֵנוּ לִסְלִיחָה וּמְחִילָה:**

**פועל'ט אויס אלעס גוט'ס אמן ואמן**

נתפרסם בימי השובבי"ם ת"ת - שנת תשפ"ד לפ"ק